בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת ויקרא תשע"ח** שבת ראש חודש ניסן - פרשת החודש **גליון 449 [שנה י']**

**וואס איז דער חילוק פון די קריאה צו משה און צו אדם הראשון?**

וַיִּקְרָא אֶל־מֹשֶׁה: (א א) שטייט אין מדרש (ויק"ר א ט) אז וַיִּקְרָא אֶל־מֹשֶׁה: איז געוועזן צו ווייזן די חביבות פון קוב"ה צו משה. איי עס שטייט (בראשית ג ט) וַיִּקְרָא ה' אֱלֹקִים אֶל הָאָדָם, דארטן איז נישט געוועזן אלץ חביבות. צו פארשטיין דער חילוק פון קריאה ביי אדם הראשון און די קריאה פון משה איז מסביר דער רבי ר' יהונתן אייבישיץ אז די גמ' (סנהדרין דף ל"ח ע"ב) שרייבט אז אדם הראשון האט גערעדט בלשון ארמי אזוי ווי עס שטייט (תהלים קל"ט י"ז) וְלִי מַה־יָּקְרוּ רֵעֶיךָ קֵל און יָקָר איז לשון ארמי. איז מסביר דער הייליגער מהרש"א (חידושי אגדות ב"ב ע"ה:) ד"ה עתידין, ווייל די מלאכים האבן געהאט טענות אויף יצירת האדם, דעריבער האט אדם גערעדט לשון ארמי וואס די מלאכים פארשטיין נישט (שבת יב ע"ב) לויט דעם קען מען מאכן אונזער חילוק, ביי די קריאה פון אדם האט דער אויבערשטער געדארפט רעדן מיט אים און נישט געקענט שיקן א מלאך ווייל זיי קענען נישט לשון ארמי, ממילא איז די קריאה נישט קיין חביבות, אבער די קריאה פון משה וואס האט גערעדט לשון הקודש האט דאך דער אויבערשטער געקענט שיקן מלאכים און רעדן מיט משה און ווייל דער אויבערשטער אליין האט אים גערופן און גערעדט מיט אים איז א ראיה אז די קריאה איז וועגן חביבות צו משה. (יערות דבש ח"ב דרשה ז' אייר)

**נאך א חילוק פון די ביידע קריאות**

שטייט אין ילקוט שמעוני (סימן תכ"ז) אויפן פסוק וַתְּחַסְּרֵהוּ מְּעַט מֵאֱלֹקִים וְכָבוֹד וְהָדָר תְּעַטְּרֵהוּ (תהלים ח ו) דעריבער שטייט וַיִּקְרָא אֶל־מֹשֶׁה, דאס מיינט דער פסוק (תהלים פ"ט כ) אָז דִּבַּרְתָּ בְחָזוֹן לַחֲסִידֶיךָ, אז הגם דער אויבערשטער האט אויך גערעדט מיט אדם הראשון און מיט נח און אברהם יצחק ויעקב, אבער זיי זענען געוועזן די איינציגסטע צדיקים אין די וועלט, אבער ביי משה איז געוועזן אסאך צדיקים די שבעים זקנים, בצלאל, אהרן ובניו, און די נשיאים, און האט נאר גערופן משה, ווייל הֲרִימוֹתִי בָחוּר מֵעָם. דאס מיינט משה, לוּלֵי מֹשֶׁה בְחִירוֹ (תהלים קו כג), איז א ראיה אז די קריאה איז פון חיבה.

**א סאך טעמים פארוואס ברענגט מען נישט א קרבן פון דגים**

אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' מִן־הַבְּהֵמָה מִן־הַבָּקָר וּמִן־הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ אֶת־קָרְבַּנְכֶם: וְאִם מִן־הָעוֹף עֹלָה קָרְבָּנוֹ לַה' וְהִקְרִיב מִן־הַתֹּרִים אוֹ מִן־בְּנֵי הַיּוֹנָה אֶת־קָרְבָּנוֹ: (ויקרא א' ב'–יד) שטייט אין מדרש תנחומא (פרשת ויקרא ס"ח) פארוואס מעג מען ברענגען א קרבן נאר פון עוף און בְּהֵמָה, בָּקָר וְצֹאן און נישט פון דָגִים? ווייל עס שטייט אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם... וְאִם מִן־הָעוֹף עֹלָה קָרְבָּנוֹ לַה', ווייל א קרבן דארף זיין א בשר ודם אזוי ווי די אָדָם, מענטש, און דָגִים הייסן נישט א בשר ודם. ווייל דגים מעג מען עסן מיט חָלָב און הַנּוֹדֵר מִן הַבָּשָׂר מותר בְּדָגִים ווייל דָגִים זענען נישט בָּשָׂר, און אויך זייער דם איז באמת מותר נאר וועגן מראית עין זאל מען נישט עסן די דם פון דָגִים, איז דגים נישט בָשָׂר און נישט דָם.

**נאך א טעם:** ווייל דגים ווערן געבוירן פון ביצים זענען זיי נישט גלייך צו א אדם. פרעגן די מפרשים אז עופות ווערן אויך געבוירן פון ביצים און זיי זענען יא מותר פאר א קרבן? נאר זיי ענטפערן אז אדם מיינט א רחמן און ביי בהמות און עופות האבן די מאמע'ס א נאנטע שייכות צום קינד וואס ווערט געבוירן און אויך א עוף איז נאנט מיט אירע אפרוחים אבער פיש לייגן אייער אבער נאכדעם האבן זיי נישט קיין שום שייכות צו די אייער, דעריבער קען מען נישט ברענגען א קרבן פון דגים.

**נאך א טעם:** שטייט אין ספר ליקוטים מפרדס א גלייכע תירוץ ווייל איינע פון די עבודות פון קרבנות איז שחיטה און בהמות און עופות זענען מחוייב אין שחיטה – מליקת עוף איז ווי שחיטה– משא"כ דגים זענען פטור פון שחיטה. און אזוי פסק'נט דער רמב"ם (הל' שחיטה פרק א') ווייל עס שטייט הֲצֹאן וּבָקָר יִשָּׁחֵט לָהֶם וּמָצָא לָהֶם אִם אֶת כָּל דְּגֵי הַיָּם יֵאָסֵף לָהֶם וּמָצָא לָהֶם. (במדבר י"א כ"ב) ביי צאן ובקר שטייט יִשָּׁחֵט און ביי דגים שטייט יֵאָסֵף, נעם דאס פון די וואסער און קענסט דאס גלייך עסן אָן שחיטה.

**נאך א טעם:** ווייל אין די גמ' (שבת ק"ט.) פרעגט רבינא פון רב נחמן בר יצחק צו מען מעג שרייבן תפילין אויף די הויט פון א דג טהור? האט ער געענטפערט, אויב אליהו וועט קומען און זאגן אז די זוהמא –טומאה– איז אוועק פון די דגים וועט מען מעגן ע"כ, איז דער ר"ן מסביר אז ביי אדם וחוה האט דער נחש געלייגט א זוהמא– טומאה– אויף אלע בריות פון די וועלט און ביי קבלת התורה איז די טומאה אראפ פון די וואס זענען געוועזן ביי הר סיני אבער דגים זענען נישט געוועזן ביי הר סיני, ממילא דארף אליהו הנביא זאגן אויב די זוהמה איז אוועק ע"כ. און דער רמב"ם (הלכות איסורי מזבח פ"ב ה"א) שרייבט המזוהם אינו כשר, ממילא דגים ווייל עס איז נישט קלאר צו עס האט נאך די זוהמא, דעריבער קען מען נישט ברענגען פאר א קרבן.

**נאך א טעם:** ווייל מיר זען אין די תורה אז ביי א עוף שטייט (פסוק טז) וְהֵסִיר אֶת־מֻרְאָתוֹ בְּנֹצָתָהּ וְהִשְׁלִיךְ אֹתָהּ אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ, מען טאר נישט מקריב זיין די זֶפֶק פון א עוף, און רש"י ברענגט דער טעם פון מדרש (ויקרא רבה פ"ג ס"ד) אז א עוף פּוֹרֵחַ וְטָס, עס טאנצט און פליט ארום, און עסט פון גְּזֵלוֹת און חֲמָסִין, וואס זי רויבט, זאגט דער אויבערשטער דער זֶפֶק וואס איז פול פון גזילה דעריבער וְהֵסִיר אֶת־מֻרְאָתוֹ, אבער א בהמה עסט פון די שיסל פון בעה"ב און נישט פון גזילה דעריבער איז מען מקריב די גאנצע בהמה. וְהִקְטִיר הַכֹּהֵן אֶת־הַכֹּל הַמִּזְבֵּחָה. זעט מען אז א חשש פון גזל איז מִיאוּס צו מקריב זיין אויף די מזבח, דעריבער איז מען נישט מקריב די זפק פון א עוף. און חז"ל זאגן אין מדרש פסיקתא רבתי (פכ"א ס"ז) לֹא תִּרְצָח ווייל דער אויבערשטער זאגט ישרצו המים וגו' דאס מיינט איר זאל נישט זיין ווי די פיש וואס שלינגן איין די קלענערע פיש עיין רש"י (שבת קנ"ו א'). דעריבער ווייל די דגים אלע זייערע עסן איז נאר דורך גזל און רציחה, איז דאס אסור אזוי ווי די זפק פון עוף אויף צו מקריב זיין אויפן מזבח. (תורת יעקב – ר' יעקב חיים סופר)

**נאך א טעם:** על פי סוד ווייל דער ספר רִקְנָטִי (פ' בראשית) שרייבט, אז דער ענין פון שחט'ן א קרבן איז ווייל אין די בהמה אדער עוף וואס מען ברענגט, איז דא א נשמה וואס האט אויך געזינדיגט די זעלבע עבירה וואס דער מענטש וואס ברענגט דער קרבן, און דורך די שחיטה ווערן מתוקן ביידע, סיי דער מענטש און סיי די בהמה פון זייער חטאים, איז א קרבן שייך נאר ביי א בהמה ועוף, אבער ביי דגים וואס נאר צדיקים ווערן מגולגל אין זיי און נאר אויף גאר קליינע פגמים, איז זייער תיקון וואס מען עסט זיי לכבוד שבת, דעריבער ברענגט מען נישט א קרבן פון דגים. (נפש דוד – ר' דוד טעביל מליסא)

**קרבנות און בריאת העולם זענעןביידע רחמים**

רֵיחַ־נִיחוֹחַ לַה׳: (א ט) שטייט אין מדרש: רֵיחַ־נִיחוֹחַ לַה׳: לשם מי שאמר והיה העולם, א מדרש פליאה! נאר עס שטייט אין ילקוט שמעוני פ׳ בראשית אמר הקב״ה למלאכים עולם אני ביקש להבראות א״ל למה? אמר להם בשביל ישראל, א״ל למה אתה מְחַבְּבָן? א״ל יַעֲשׂוּ לִי משכן ויקריבו הקרבנות וכו׳ ע״כ, קומט אויס אז די בריאה איז געווען וועגן די קרבנות, און עס איז באוואוסט אז ביי די פרשה פון קרבנות שטייט נישט דערמאנט אלקים נאר שם הוי׳ וואס דאס איז רחמים, אבער ביי די בריאה שטייט פריערט ברא אלקים וואס איז מידת הדין, און נאכדעם האט דער אויבערשטער מצרף געווען מידת הרחמים און דעריבער שטייט ויאמר אלקים, אמירה איז רחמים, דאס מיינט ריח ניחוח לה׳, וואס דאס איז רחמים, לשם מי ״שאמר״ והיה העולם, וואס אמירה איז אויך רחמים. אז קרבנות זענען צו מעורר רחמים, דעריבער שטייט נישט דערמאנט אלקים ביי קרבנות נישט צו מעורר זיין דינים ח״ו. (המו״ל עפ״י ספר תקנתא למשה)

## *מדור העובדות*

## *די נשמה איז געקומען זוכן א תיקון נאך קריאת המגילה*

מען האלט יעצט נאך פורים און אין די שלשים יום פאר פסח. עס האט זיך געמאכט אין די צווייטע נאכט פסח האט א יונגערמאן אפגעראכטן זיין סדר און דערציילט סיפורי יציאת מצרים פאר די משפחה און נאכדעם געזאגט שיר השירים מיט געלאסנקייט, עס איז שוין שפעט און נארמאל וואלט דער יונגערמאן שוין געווען שטארק מִיד און וואלט שוין איינגעשלאפן אבער יענע נאכט האט ער זיך נישט געפילט מִיד און דעריבער איז ער זיך נישט געגאנגען לייגן, אבער וואס טוט מען יעצט? איז אים איינגעפאלן אז די סעודה פון אסתר המלכה איז דאך געווען דעם צווייטן טאג פסח ממילא איז דאך יעצט אין די צייט דא הארות פון דעם נס פון פורים איז ער געגאנגען נעמען א מגילת אסתר און נעמט דאס ליינען מיט א זיסקייט און ער האט א מורא׳דיגן געשמאק און ליינט די מגילה און יעצט שפירט ער א מידקייט.

ערווארט ביז ער וועט ענדיגן די מגילה און גיין זיך לייגן ווען א נשמה שטייט פאר אים און זאגט זי איז געקומען פון עולם העליון און זי דארף א תיקון! פרעגט איר דער יונגערמאן וואס פאר א שייכות האסטו מיט מיר אז דו קומסט פונקט יעצט? און בכלל וואס האסטו געזינדיגט אז דו דארפסט א תיקון? האט די נשמה געענטפערט אז זי איז שוין דורך אלעם וואס מען האט אויף איר גוזר געווען אין בי״ד של מעלה, אבער עס זענען דא נשמות וואס פונדעסטוועגן לאזט מען זיי נישט אריין אין גן עדן נאר מיט א באזונדערן זכות. איז וואס טוהען די אלע נשמות? זיי ווארטן אויף פורים וואס דעמאלטס איז דער טויער פון גן עדן אפען און די נשמות לאזט מען אריין.

יעצט עס זענען דא טויזנטער אזעלכע נשמות וואס ווארטן אריינגיין אין גן עדן, דעריבער שוין עטליכע חדשים פאר פורים שטייען ביים טויער פון גן עדן און ווארטן אויף פורים ווען די טויערן ווערן אפען כדי צו אריינגיין, און ווייל עס זענען דא אסאך לאזט מען אריין די וואס זענען געווען ערשט. און די וואס זענען נישט אריין דעם יאר מוזן זיי ווארטן אויף די קומענדיגן יאר און ווארטן אויף זייער רייע. און דאס קען געדויערן יארן צו ווארטן. דעם יאר פורים האב איך געהאפט אז מיין צייט איז שוין געקומען אריינצוגיין אבער ווען מיין צייט איז אנגעקומען האט זיך פונקט פארמאכט דער טויער פון גן עדן און דער ממונה האט מיר בארוהיגט אז דעם קומענדיגן יאר וועל איך שוין קענען אריינגיין פורים אין גן עדן.

זאגט די נשמה אז די יסורין זענען גרויס פאר איר האט זי מחליט געווען זי בלייבט ביים טויער ביז דעם קומענדיגן פורים און זיין די ערשטע ווען דער טויער וועט זיך עפענען. און אזוי ווי איך האב געהערט דיין ליינען די מגילה היינט באנאכט האב איך געקלאפט אויפן טויער אז מען זאל מיר ארייינלאזן ווייל מען ליינט שוין די מגילה, ווען דער שומר האט געפענט דעם טויער און געזאגט אז עס אמת אז מען האט געליינט די מגילה אבער עס איז נאך נישט פורים. האט די נשמה נישט געוואלט אנעמען די טענה פון דעם שומר און עס האט זיך געטומלט אין הימל ביז אונזער מחלוקת איז אנגעקומען צום בי״ד של מעלה. א מלאך האט אונז גערופן צום בי״ד, דער שומר האט געזאגט אז נאר פורים עפענט ער די טויערן און נאכדעם האב איך געזאגט אז אַזַא מגילה ליינען קען ארייינלאזן א נשמה אפילו עס איז נאך נישט פורים!

דער בי״ד של מעלה האבן דַן געווען אין דעם ענין און האבן געזאגט אז דער שומר איז באמת גערעכט, ווייל עס איז פארט נישט פורים, אבער אויב איך וועל אראפגיין צו דער איד וואס האט געליינט די מגילה און ער וועט פסק׳נען אז איך זאל אריינגיין אין גן עדן וועט מען מיר ארייינלאזן! דאס האט די נשמה דערציילט פארן יונגערמאן, וואס האט רחמנות געהאט אויף די נשמה און געפסקענט אז זי זאל גיין אין גן עדן, און זי איז טאקע אריין. [יעצט פארשטייט מען פארוואס דער יונגערמאן האט נישט געקענט איינשלאפן כדי די צובראכענע נשמה זאל באקומען איר תיקון.] דער הייליגער חקל יצחק ספינקא פלעגט דערציילן די מעשה פסח באנאכט און די זקני חסידים האבן געזאגט אז דער יונגערמאן איז געווען דער אמרי יוסף.

אין ספר ליקוטים יקרים ווערט געברענגט די זעלבע מעשה מיט א נשמה וואס האט געמיינט אז עס איז שוין פורים און איז געקומען צום צדיק דעם הייליגן צדיק ר׳ נחום מטשערנאביל דער מאור עינים זיע״א. נאר דארטן שטייט אז די מעשה איז נישט געווען פסח באנאכט נאר א פשוטע נאכט וואס דער צדיק האט נישט געקענט איינשלאפן האט ער דערמאנט דער משנה אין אבות (פ״ג מ״ד) רַבִּי חֲנִינָא בֶּן חֲכִינַאי אוֹמֵר, הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי וְהַמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה, הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ. אז מען איז אויף באנאכט און מען לערנט נישט איז ח״ו חייב... איז דער צדיק געגאנגען צום ספרים שאפע און פונקט האט ער אנגעטראפן א גמ׳ מגילה און געלערנט געשמאק ווען ער זעהט א נשמה פון עולם העליון, וואס האט דערציילט אז ווען זי האט געהערט דעם צדיק לערנען מס׳ מגילה האט זי געמיינט אז עס איז פורים און דער צדיק האט איר געגעבן גערעכט ארייינצוגיין אין גן עדן זיע״א

*הוצא לאור ע״י ״עולם הספרים״ המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן*

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי״ד תרפ״ט מלא ברכות ה׳ $12000. משנה למלך שהמהרי״ל דיסקין נתן במתנה $3500, שו״ע באלאנגט צו טאש רבי זצ׳ל און אויך קאסאן רבי, א תעודה מיט חתימת הרה״צ מטאש זצוק״ל, א בריוו פון הרה״ק ר׳ מרדכי ובנו ר׳ אברהם די זוויהעלע רבי׳ס זצוק״ל, א גמרא פון הגאון ר׳ שלמה היימאן זצ״ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת״י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע״י חפץ חיים $400 שו״ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר׳ מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000, מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר״א דפו״ר שייך להגאון ר׳ שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי״ף מיט חתימה ר׳ ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה״ק ר׳ הלל מקאלאמייא $5000, ספר באלאנגט צום תפארת שלמה $4000. אויך הונדערטער הגדות וואס זענען נישט בנמצא

20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפ **דער גליון איז לעי״נ הבחור יוסף שמואל ע״ה ב״ר צבי אלימלך נ״י, און לעי״נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר׳ מיכאל בן רחמים נימני זצ״ל כ״א תמוז תשע״ז**

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500**

**T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***